# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
"פרנס השנה"
לפירסום הגליון
לשנת תשע"ה
ותשוח"ח לו

...ועוד כי רצה להודיענו מקום קבורת האבות באשר מתנוחיייהם לכבד מקום קבורת אבותינו הק'. (רמב"ן חיי שרה)
לבנות חומה לשמירת המתים המופקרים.. צורך יותר מתכריכים ומלבושיהם... ומי המסתפק בזה (ליקוטי שו"ת חת"ם ל"ז)

לכבוד אנ"ש תושבי וויליאמסבורג הע"י,
וויכטיגע דערמאנונג פאר די חשוב'ע בני בית,
זונטאג א' תולדות
קומט פאר די
## אבותינו פרויען פארטי
פון 1:00 ביז 10:00 ביינאכט
אין די אימפעריעל

## וויכטיגע אויפקלערונג איבער די הייליגע פעולות פון אבותינו געווידמעט לטובת די יערליכע פארטי, קומענדיגע א' תולדות

גאר
ווערטפולע
ראפעלס









### עת לבנות: אבותינו... באקענט אייך מיט איר פון די נאנט

**די שווערע צושטאנד פון טויזנטער בתי חיים וואס מיר האבן איבערגעלאזט אינעם ווייטן אייראפע**

בלייבנדיג אן פארזארגער און פארטרעטער, זענען די טויזנטער בתי חיים ליידער געבליבן פארלאזט און עלנד. מיט די צייט זענען זיי באוואקסן געווארן מיט ווילדע געוואוקסן. נישט האבנדיג ווער ס'זאל זיי אויפהאלטן, האבן די שכנים פאברענגט אין די בתי חיים אומגעשטערט, געפאשעט זייערע בהמות דארט און פארמיאוס'ט דאס פלאץ. אנדערע זענען ליידער גאר געווארן אויסגעגראבן און פארבויט. דער אריגינעלער צוים איינגעווארפן, מצבות צובראכן און דאס גאנצע פלאץ פריי און הפקר רח"ל, אן איבערלאזן א שפור פון די וועלכע זענען אין איר באהאלטן. ועל כולם איז דער שרעקליכע בזיון פון עצמות אבותינו ז"ל, וועלכע איז איינע פון די הארבסטע ענינים רח"ל.

**"אבותינו" אין פיבערהאפטיגע אקטיוויטעטן אפצוראטעווען די ביה"ח פון אונזערע עלטערן און רביים ז"ל.**

אויפן רוף פון די חשוב'ע בני משפחה, נעמען זיי אונטער פארצווייגטע שריט מיטן ענדגילטיגע ציהל אז די הייליגע פלעצער זאל ווערן שיין רענאווירט, אפגעהיטן און רעספעקטירט ווי עס פאסט, און א אנגענעמע פלאץ צו גיין באזוכן אין אויסבעטן ישועות.

צום ביישפיל:

**פארן איבערבויען**

אראפפארן אפשאצן די גענויער מצב פון דאס פלאץ | צו שטיין אין שטענדיגע באראטונג מיט ערפארענע רבנים מובהקים שליט"א | פארשאפן אלטע מאפעס און פראפעציאנאל מעסטן די אריגינעלע גרעניצן פונעם בית החיים | אונטערזוכן די מצב פון יעדן מציבה | נאכאנאנדיגע פארהאנדלונגען מיט שכנים | ערלעדיגן די לעגאלע פראצעדורן מיט די שטאטראט.

**בשעת'ן בוי ארבעט**

ארבעטן מיט געטרייע קאנטראקטארס וואס זענען באהאוונט מיט די סארט ארבעט | אויסרייסן אלע געוויקסן, אויסרייניגן פון אנגעזאמעלטע שמוץ | אויפבויען א פעסטע, שטארקע און שיינע צוים ארום דעם ביה"ח | אויפשטעלן און צוריקשטעלן מצבות אויפן זייער ארט | השגחה בשעת די ארבעט | אין פאל פון טעכנישע פראבלעמען אראפ שיקן ספעציעלע מומחים אויף דעם געביט | צוגרייטן נויטיגע צוגעהרן ביים זיך טרעפן מיט הויכגעשעצטע שרי מדינות.

**נאכן פארענדיגען**

מעינטינענס אויפהאלטונג, מיט כסדר'דיגע אויפזיכט, בילדער דאטא בעי"ס פון אלע מצבות, דער פאקט רעדט פאר זיך אליין!! אין קארגע 15 יאר וואס דער מוסד שטייט, איז שוין ב"ה רענאווירט געווארן העכער 240 בתי חיים, און נאך ארום 150 בתי חיים זענען אצינד אינמיטן די פארהאנדלונגען. אויך איז צוריק אויפגעשטעלט געווארן קרוב צו 60,000 מציבות בס"ד!

**וויאזוי קען איך האבן די זכי' צו ווערן א שותף מיט די געוואלדיגע ארבעט פון דעם הייליגן מוסד?**

צוליב די פארצווייגטע אונטערנעמונגען און לאנג פארצויגענע פארהאנדלונגען בדרך שלום, ראנגלט זיך אבותינו צו דעקן די גאר גרויסע הוצאות, דורך שטיצן "אבותינו", ווערט איר א שותף אין - צוריקברענגען דעם כבוד פון אייערע אייגענע אור עלטערן, איר טוט א "חסד של אמת" מיט די אומצאליגע טויזענטער נשמות וועלכע ליגן אין די אלע בתי חיים.

ווי באוואוסט מפי ספרים וסופרים איז די מצווה פון כבוד המתים זייער גרויס און מסוגל משפיע צו זיין כל טוב, אין די זכות פון שטיצן דעם הייליגן מוסד, און ארויסהעלפן צו היטן דעם כבוד פון די טויזענטער נפטרים, זאל באגלייטען אלע וועלכע נעמען א טייל, צו געהאלפן ווערן מיט אלע ברכות, נחת פון די קינדער מיט הרחבת הדעת און אלעם גוטן, ביז משיח'ס טאג, אמן.

**זייט אייך משתף מיט סכומים הגונים, געדענקט דאס איז די איינמאליגע יערליכע קאמפיין.**
**נעמט אנטייל אין די יערליכע פארטי קומענדיגע זונטאג פ' תולדות אין די IMPERIAL זאל**

Please send your donation to Avoyseinu - 616 Bedford Ave. #2-B - Brooklyn, NY 11249 - 718-640-1470 - hfpjc@thejnet.com




## בס"ד האט מען אנגעהויבן די בנין הגדר בביה"ח בעיר מאטש, ראמעניע

· הרה"ג ר' יוסף הכהן ב"ר יצחק קאהן ז"ל - דומ"ץ
· זוגתו פרומא לאה ב"ר משה הלוי ע"ה
· בתם שינדל לאה ע"ה
· חתנם הרה"ח ר' דוב גאנץ ז"ל
בהשתדלות הרה"ג פה מפיק מרגליות
ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א
וגיסו הרה"ח ר' הלל דוב גאנץ שליט"א

· הרה"ח ר' משה ב"ר יחיאל מיכל ז"ל
· זוג' מרת טילא ב"ר ברוך ע"ה
בהשתדלות הרה"ג ר' משה ברוך
ווייס שליט"א, ומשפחתו שיחי'

שימש שם הגה"צ ר' יושע ליכטענשטיין ז"ל
(אחי הגה"צ מ'קראסנא זצ"ל) אב"ד נעקדו"ה
בהשתדלות יוצ"ח הרה"ח ר' ברוך יודא קליין שליט"א, בן
הרה"ח ר' שלמה קליין ז"ל

נתפרסם לע"נ
דבורה רעכיל ב"ר
מרדכי יודא ע"ה

HFPJC · אבותינו
Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe · E. Yisroel: Asra Kadisha

צו ערהאלטן וועכנטליך די בולעטין אויף אי-מעיל, ביטע קאנטאקטירט אבותינו – hfpjc@thejnet.com · עס איז ערלויבט צו פארשפרייטן דעם בולעטין אינ'ם אריגינעלן פארמאט